**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**נאכפאלגן לעצטנסדיגע דראונגען צו אידישע און LGBTQ קאמיוניטיס, אנאנסירט גאווערנער האוקול אז ניו יארק סטעיט פאליציי העכערט באשיצונג פאר האסע פארברעכנס צילן**

***סטעיט פאליציי העכערן אויפזיכט איבער ריזיקירטע ערטער אין אפרוף צו האסע דראונגען קעגן די אידישע געמיינדע אין ניו יארק סיטי און די שיסעריי ביי LGBTQ נאכט-קלוב אין קאלאראדא***

***סטעיט פאליציי ארבעט מיט NYPD און באאבאכט אנליין האסע, קאנטער-טעראריזם אינטעליגענץ איינהייט וועט שטיין בקשר מיט פאטענציעלע צילן***

***ווידעאו ווי גאווערנער האוקול גיט איבער באמערקונגען אויף לעצטנסדיגע האסע דראונגען צו באקומען אויף ׳יוטוב׳ [דא]() און אין TV קוואליטעט (H.264, MP4) פארמאט [דא]()***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט פאליציי העכערט אויפזיכט און באשיצונג פאר קאמיוניטיס ריזיקירט אויף האסע־פארברעכנס, נאכפאלגנדיג א צעשטערטע אטאקע אויף אידישע קאמיוניטיס אין ניו יארק סיטי און א מאסן שיסעריי ביי אן LGBTQ נאכט-קלוב אין קאלאראדא. די באמיאונגען בויען אויף גאווערנער האוקול׳ס רעקארד העכערונג אין פינאנצירונג צו באשיצן צילן פון האסע־פארברעכנס און אויף צו באקעמפן אין-לאנדישע עקסטרעמיזם.

״איך האב פאראררדענט דער ניו יארק סטעיט פאליציי צו העכערן אויפזיכט און העכערן שטיצע פאר קאמיוניטיס וואס זענען פאטענציעלע צילן פון האסע־פארברעכנס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דא אין ניו יארק, ווען מיר נישט טאלערירן געוואלדפארברעכנס אדער ביגאטישקייט צו סיי וועלכער קאמיוניטי. מיר שטייען פאראייניגט קעגן האסע — היינט און יעדן טאג.״

**ניו יארק סטעיט פאליציי אמטירנדער סופעראינטענדענט סטיווען עי. ניגרעלי האט געזאגט,** ״די סטעיט פאליציי וועט ארבעטן אין נאענטע קאארדינירונג מיט אונזער סטעיט, לאקאלע און פעדעראלע צוזאמארבעטער צו האלטן אלע קאמיוניטיס אפגעהיטן פון געוואלדפארברעכנס. מיר שעצן די רעסאָרסן און שטיצע פון גאווערנער האוקול אונז צו העלפן אויספירן די אויסגאבע.״

לויט גאווערנער האוקול׳ס פאראררדענונג, ניו יארק סטעיט פאליציי העכערט אויפזיכט איבער קאמיוניטיס וואס זענען פאטענציעלע צילן פון האסע פארברעכנס. סטעיט פאליציי איז אין קאנטאקט מיט די NYPD און זעצט פאר ווייטער צו באאבאכטן סאושעל מידיע פאר העסליכע דראונגען וואס קענען באטרעפן ניו יארקער. די סטעיט פאליציי׳ס קאנטער-טעראריזם אינטעליגענץ איינהייט פירט אויס פארבינדונגס-באמיאונגען צו LGBTQ קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק, ווי אויך שולן און אנדערע אידישע ציבור׳ישע ערטער אינעם סטעיט.

נעכטן, האט די MTA פאליציי, סטעיט פאליציי, די NYPD און דער FBI געמיינזאמע טעראריזם טעסק-פאָרס צוזאמגעארבעט אויף צו ארעסטירן צוויי באוואפנטע לייט ביי פענסילוואניע סטעישען אין מאנהעטען וועלכע זענען באשולדיגט אין פארן אויף ניו יארק סיטי מיט פלענער צו ברענגען געוואלדפארברעכנס אויפ'ן אידישער געמיינדע. געהעכערטע הילפס-מיטלען צוגעשטעלט דורך גאווערנער האוקול צו די סטעיט פאליציי און די ניו יארק סטעיט אינטעליגענץ צענטער האבן ביישטייערט צו די ארעסטן.

נאך די ווייסע סוּפּרעמאַסיסטן שיסעריי אין באפעלאו, האט גאווערנער האוקול פארברייטערט סטעיט הילפס-מיטלען געווידמעט אויף צו באקעמפן העסליכע עקסטרעמיזם און געוואלדפארברעכנס. גאווערנער האוקול האט ארויסגעגעבן אן עקזעקיוטיוו באפעל צו פאראדערנען די ניו יארק סטעיט פאליציי אויף צו עטאבלירן א געאייגנטע איינהייט אינערהאלב דעם ניו יארק סטעיט אינטעליגענץ צענטער (NYSIC) נאכצושפירן אין-לאנדישע עקסטרעמיזם און העכערן סאָושעל מידיע באאבאכטן ביי דעם אינטעליגענץ צענטער. זי האט אויך געארבעט מיט'ן לעגיסלאטור צו העכערן דריי-פאכיג די סטעיט'ס שיסעריי פארברעכנס אינטעליגענץ הילפס-מיטלען דורך אויסשטאבן NYSIC מיט א מאנשאפט פון אנאליסטן וועלכע קענען אויספארשן שיסעריי פארברעכנס לענגאויס דעם סטעיט. גאווערנער האוקול האט אויך אונטערגעשריבן לעגיסלאציע וואס איז אריין אין קראפט פאריגע חודש העכערנדיג די צוריקצאל פאר קרבנות און איבערלעבער ווען מענס העכסט-נייטיגע פערזענליכע פארמעגנס זענען פארלוירן אדער געשעדיגט געווארן אלס רעזולטאט פון האסע פארברעכנס און אנדערע פארברעכנס אויף 2,500 דאלער - פינף מאל די פריערדיגע מאקסימום.

פריער דעם חודש האט גאווערנער האוקול געמאלדן א 96 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו פארשטערקערן די זיכערהייט און סעקיוריטי מאסנאמען ביי געביידעס פון וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס וועלכע זענען אין געפאר פון האסע פארברעכנס אדער אטאקעס צוליב זייער אידעאלאגיע, גלייבונגען אדער מיסיע. גאווערנער האוקול האט אויך אנאנסירט 10 מיליאן דאלער צו שטיצן דאס אוועקשטעלן א דראונג אפשאצונג און פארוואלטונגס מאנשאפטן אין קאונטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418